# פרשת שמיני

## בס״ד. קטע משיחת י״א ניסן תשמ״ב

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

...וואס דער חידוש פון דורינו זה, וואס נשיא דורינו, דער רבי דער שווער, האט מגלה געווען, די תקנה אין וועלכע מ׳האט זיך געפירט נאך יחידי סגולה כמה זמן לפני זה – מ׳זאל לערנען די פרשת השבוע אין ימי השבוע, און אין דעם גופא – דעם ערשטן טאג בשבוע, פון התחלת הסדרה ביז שני ועל-דרך-זה ביום השני – פון שני ביז שלישי, ועל-דרך-זה אין די ימים שלפני-זה,

און ווי יעדער ענין אין לימוד התורה, איז דאך לימוד אויף מביא זיין לידי מעשה,

וכפתגם הידוע וואס נשיא דורינו האט איבערגעגעבן פון דעם אלטן רבי׳ן, אז מ׳זאל לעבן מיט דער צייט, מיט דעם חלק בתורה וואס ער איז במיוחד פארבונדן מיט דעם צייט,

וואס איינער פון די לימודים, גלייך פון התחלת הלימוד פון ״ויהי ביום השמיני״[1], וואס בפשטות איז דאך אז דער משכן איז געווען אינגאנצן שוין אויפגעשטעלט, און נאך מערער ס׳איז שוין אויך געווען שבעת ימי המילואים, די איינציקע זאך וואס איז נאך ניט געווען איז – ״ותרד אש מן השמים ותאכל״[2], מיטן גאנצן שטורעם וואס דאס ברענגט – אויף דערויף האט מען געדארפט האבן דעם ביום השמיני למילואים,

און ווי רש״י ברענגט אראפ – משה האט דאס געזאגט און אזוי שטייט אין מדרש אז דאס איז געווען בזכותו של אהרן, וואס ביום השמיני איז דאך געווען וואס אהרן האט מקטיר געווען די אלע ענינים, מקריב געווען און מקטיר געווען, ווי דערציילט אין דער סדרה,

און דאס האט אראפגעבראכט דעם ״ותרד אש מן השמים״.

ווי אזוי האט דאס אבער אהרן געלערנט – האט ער דאס געלערנט על-ידי משה רבינו וואס ״נכנס עמו ולמדו״ די אלע ענינים, ווי רש״י ברענגט דאס אויך אראפ.

און אט דעמאלט איז דאס געווארן ביום השמיני, און אט דעמאלט איז געווען דער משכן בשלימותו, על-דרך-זה משכן דאיקרי מקדש.

---

1) ריש פרשתנו.

2) מלכים ב׳, פרק א׳ פסוק יו״ד; (וראה פרשת שמיני פרק ט׳ פסוק כד).



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שמיני

וואס בקיצור על-כל-פנים: ענינו של אהרן איז געוועז, "תלמידיו של אהרן", וואס דאס קומט אראפ דער לימוד פאר יעדער אידן, "הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה"[3],

ניט חס-ושלום ער מאכט שינויים אין תורה, ווארום "התורה היא נצחית"[4], און "התורה לא תהי' מוחלפת"[5] – ער טוט אבער מתוך אהבה, און טוט אויך מיט "בריות", אין אן אופן וואס ער איז זיי מקרב, און ס'איז א זיכערע זאך אז אויב ער וועט נאר טאן מתוך "אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות" – איז א זיכערע זאך אז ער וועט אים מקרב זיין לתורה.

וואס דאס גופא איז א הוראה פון משה רבינו, "זכרו תורת משה עבדי"[6], וואס ער אליין האט באוויזן דעם לעבעדיקןביישפיל, ווי די גמרא זאגט אין מנחות[7] (בקשר מיט ספירת העומר) אז "משה אוהב ישראל הי'", און ער האט געלערנט אהרן'ען, און אהרן האט דאס דורכגעפירט במעשה בפועל,

און דערנאך האט מען דאס אנגעזאגט יעדער אידן אז מ'זאל זיין תלמידיו של אהרן, אין ענין פון אהבת ישראל ביז "ומקרבן לתורה".

און די התחלה הויבט זיך גאר אן מיט ענינים גשמיים, א טובה אין ענינים גשמיים,

כידוע סיפור נשיא דורינו פון די הנהגה פון בעל-שם-טוב אז נאך איידער ער איז נתגלה געווארן – און אויך דערנאך – האט ער אנגעהויבן פון קירוב ועזר צו יעדער אידן און צו אלע אידן, צו אלע ד' סוגים, אין עזר גשמי, און דערנאך איז ער געקומען אויך צו דעם עזר ואהבת ישראל בנוגע צו רוחניות.

וואס אזוי איז אויך געווען די הנהגה פון דעם ערשטן אידן, פון "אחד היה אברהם"[8], ווי דערציילט אין מדרש אז ווי אזוי איז געווען די הנהגה פון אברהם'ן – אז תכלית ושלימות הנהגתו איז געווען אויף צו ברענגען די וועלט "ברכו למי שאמר והיה העולם"[9];

---

3) אבות פרק א', משנה יב.

4) לשון אדה"ז בתניא רפי"ז.

5) עיקר הט' מי"ג העיקרים. וראה רמב"ם הל' יסוה"ת רפ"ט. הל' מלכים פי"א סוף ה"ג. פיה"מ סנהדרין פ' חלק יסוד התשיעי.

6) מלאכי ג, כב.

7) דף סה, רע"ב.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שמיני

ווי אזוי איז אבער געווען זיין פעולה און זיין עבודה – דער טאן אין דעם – אז צום אלעם ערשטן האט ער געגעבן אכילה ושתי׳, און געגעבן אכילה ושתי׳ מן המובחר, און יעדערן באזונדער א מאכל הכי חביב,

ביז וואנענט אז ס׳איז געווען "לשון בחרדל"[10], האט מען געדארפט האבן דריי שוורים, ווארום מ׳האט געהאט צוטאן מיט דריי "ערביים", און מ׳האט יעדערן באזונדער געווען בתכלית שלימות פון געבן אים צרכיו הגשמיים,

און דערנאך איז ערשט געקומען די השתדלות "ברכו למי שאכלתם משלו", וואס דאס איז די ברכה למי שאמר והי׳ העולם, "הזן את כל העולם כולו" – אלע נמצאים שבעולם, "בטובו בחן בחסד וברחמים".

וואס דאס איז אויך דער לימוד האמור פון "ויהי ביום השמיני", אז עבודתו של אהרן טוט נאך אויף מערער וויפיל עס האט אויפגעטאן די שבעת ימי המילואים.

———  •  ———

8) יחזקאל לג, כד.

9) סוטה דף יו"ד רע"א ואילך.

10) בבא-מציעא דף פו ע"ב.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.